THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MAR 5 1924

JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4122 TORONTO FRIDAY FEBRUARY 29 1924 כד אדר פרשה ויקהל, תרפ"ד. טאראנטא, פרייטאג, דעם 29־טער פעברואר, 1924. PRICE THREE CENTS

אונגארן אנערקענט סאוויעט רוסלאנד

בודאפעסט, פעברואר 28. — אונגארן האט באשלאסען צו אנערקענען סאוויעט־רוסלאנד, לויט ערקלעהרונגען וואס זענען היינט געמאכט געווארען אין די רעגירונגס־קרייזען.

פארלאמענט ערעפענט, עקאנאמיע און קלענערע שטייערען פארשפראכען אין דער טראן־[illegible]ע

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

פאנטאנא אויך שולדיג אין מארד

ניו יארק, פעברואר 28. — אנטאני פאנטאנא איז געפונען געווארען שולדיג אין מארד, צוזאמען מיט זיינע חברים, די ברידער דיימאנד און דזשאן פארינא.

טראן־רעדע באשפרעכט פיעלע געזעץ־פראיעקטען וואס די רעגירונג געהט פארשלאגען. — שטרענגע עקאנאמיע און פארקלענערונג פון שטייערען איז אויפ'ן ערשטען פלאן. — א ביל וועגען ארויסרופען מיליטער אין צייט פון אומרוהען. — „רעדיסטריביושאן ביל" וועט פארגעשלאגען ווערען. — טאריף אויף אגריקולטורעלע מאשינען וועט רעדוצירט ווערען.

אטאווא, פעברואר 28. — אונטער דעם דונער פון הארמאטען און מיט דער געוועהנליכער פראכט און גלאנץ, איז היינט ערעפענט געווארען די דריטע סעסיע פון דעם פערצעהנטען פארלאמענט.

אין דער טראן־רעדע האט דער גאווערנאר־דזשענעראל, לארד בינג, אנגעמערקט פיעלע געזעץ־פראיעקטען וואס די רעגירונג וועט פארשלאגען אויף דער סעסיע. באזונדערס ווערט באטאנט, אז די רעגירונג שטרעבט צו עקאנאמיע און צו א פארקלענערונג פון שטייערען.

די טראן־רעדע

„איך בין צופרידען צו קענען אייך גראטולירען" האט לארד בינג אנגעפאנגען זיין רעדע פאר די געזעץ־מאכער „מיט די פיעלע סמנים פון פארגרעסערטע פראספעריטי. כאטש די אלגעמיינע עקאנאמישע סיטואציע רעפלעקטירט נאך אלץ די קאנזעקווענצען פון וועלט־קריעג, זענען אבער די אויפטואונגען אויף די געביטען פון פראדוקציע, האנדעל, באשעפטיגונג, טראנספארטאציע און געזעלשאפטליכער פינאנץ באדייטענד פארבעסערט געווארען. ארבייט איז דא פיעל מעהר. די געשעפטען האבען זיך פארבעסערט. ספּעציעל דארף דאס לאנד זיין צופרידען מיט דער פארגרעסערונג פון די הכנסות און די פארקלענערונג פון די הוצאות.

„איך בין אונטער דעם איינדרוק, אז א פארקלענערונג פון שטייערען און אין די קאסטען פון פראדוקציע און טראנספארטאציע אזוי, אז עס זאל ערמוטיגט ווערען דאס אינוועסטען פון קאפיטאל אין אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען און זאל צוציהען גרויסע מאסען סעטלערס צו אונזער דאמיניאן, אז נאר דאס איז נויטיג אויף צו פארווירקליכען אזא עקאנאמישע ענטוויקלונג, וואס איז נאך ביז איצט ניט געווען.

„מיינע מיניסטארען זענען שטארק פון דער מיינונג, אז א פארקלענערונג פון שטייערען איז פון דער ערשטער וויכטיגקייט, און אז די פארזוכען וואס זענען שוין געמאכט געווארען אין דער ריכטונג פון פאראייניגען שטרענגע עקאנאמיע אין דער אדמיניסטראציע מיט א שטארקער צוריקהאלטונג אין די אויסגאבען, זאלען פארגעזעצט ווערען אויף אלע מעגליכע אופנים".

נאך דער הקדמה ווערען אויסגערעכענט פיעלע געזעץ־פראיעקטען.

א ביל וועגען פאראייניגען אלע דעפארטמענטס וואס זענען באשעפטיגט מיט אויפזאמלען די שטייערען אין איין צענטראלען דעפארטמענט.

דער „רעדיסטריביושאן" ביל וועגען א נייער צוטיילונג פון די וואהל־דיסטריקטען, אין איינקלאנג מיט'ן לעצטען צענזוס, וועט פארגעשלאגען ווערען.

די רעגירונג וועט זוכען ווייטער צו ענטוויקלען די וואסער טראנספארטאציע „ראוטס".

פארזוכען וועלען געמאכט ווערען צו ענטוויקלען דעם קאנאדער האנדעל דורך קאנאדער האפענס.

געזעצגעבונג צו ערמוטיגען די פראדוקציע פון קאנאדער הייז־מאטעריאלען.

א ביל צו אמענדירען דעם געזעץ וועגען אונטערזוכונגען אין אינדוסטריעלע דיספיוטען.

אן אמענדמענט צום „מיליטיא עקט" וועגען רעגולירען דאס ארויסרופען פון מיליטער אין צייט פון אומרוהען.

די רעגירונג וועט מאכען ווייטערדיגע אונטערזוכונגען וועגען דער פראגע פון פארטיפען דעם סט. לארענס טייך.

אן אמענדמענט וועט פארגעשלאגען ווערען צום וואהלען־געזעץ וועגען איינפיהרען א „טרענספּוירייבל וואוט".

בודזשעט איז באלאנסירט געווארען

דער גאווערנאר דזשענעראל האט אין זיין רעדע באמערקט, אז אין לויף פון לעצטען יאהר איז דער רעגירונג געלונגען צו באלאנסירען דעם בודזשעט, א זאך וואס עס איז ניט פארגעקומען זינט 1912.

מעקדאנאלד מיידט אויס נידערלאגע דורך ארויסטרעטען געגען אינערן־מיניסטער

מעקדאנאלד איז געווען געצוואונגען ארויסצוטרעטען געגען ארטור הענדערסאן און ערקלעהרען, אז די רעגירונג איז געגען א רעוויזיע פון ווערסאלער שלום־טריטי.

* * *

לאנדאן, פעברואר 28. — די ליבאר־רעגירונג איז נעכטען געווען אויפ'ן שוועל פון א נידערלאגע ווען פרעמיער מעקדאנאלד טרעט ניט ארויס געגען זיין אינערן־מיניסטער, ארטור הענדערסאן, און דערקלעהרט ניט, אז הענדערסאנ'ס מיינונג וועגען דער נויטיגקייט פון רעווידירען די ווערסאלער טריטי איז ניט די פאליסי פון דער רעגירונג.

די קאנסערוואטיווע און די ליבעראלען האבען געשיינט צו זיין ענטשלאסען צו שטירצען די רעגירונג, אויב דער פרעמיער וועט ניט ערקלעהרען זיך געגען א רעוויזיע פון דעם ווערסאלער שלום אפמאך. די אטאקע געגען דער רעגירונג איז געפיהרט געווארען פון ראנאלד מעקנייל, [illegible] אין באלדווינ'ס קאבינעט, און פון לאיד דזשארדזש. ביידע האבען ערקלעהרט, אז די טריטי קאן ניט רעווידירט ווערען, וואס שייך ענדערונגען אין די טעריטאריעלע גרענעצען — ווי הענדערסאן האט עס פארלאנגט.

מעקדאנאלד האט געענטפערט, אז ער וועט זיין מיניסטער ניט ארונטערזעצען, אבער ער גיט צו, אז הענדערסאן האט אזא רעדע ניט געדארפט האלטען. די רעגירונג איז געגען א רעוויזיע פון דער שלום טריטי. דערביי האט ער באנוצט די אומבאשטימטע פראזע, אז עס דארף יא זיין אן „איבערקוק" פון דער טריטי. דער פרעמיער האט זיך געמוזט ארויסדרעהען אויף אזא אופן, ווייל די ליבאר פארטיי האט זיך עפענטליך ערקלעהרט פאר א רעוויזיע פון שלום־אפמאך.

מעקדאנאלד האט שארף אנגעגריפען די קריטיקער זאגענדיג, אז מיט דער איצטיגער קריטיק איז געציעלט געווארען צו שעדיגען די וואהל־שאנסען פון הענדערסאן, וועלכער איז קאנדידאט אין א ביי עלעקשאן וואס קומט פאר היינט.

סענאט־קאמיטע געגען דזשאנסאן־ביל

וואשינגטאן, פעברואר 28. — די אימיגראציאנס־קאמיטע פון סענאט האט אנגענומען א פארלויפיגען, נאך ניט ענדגילטיגען באשלוס, אז דער באזיס פאר די אימיגראציאנס־קוואטאס דארף זיין דער צענזוס פון 1910 און ניט פון 1890 ווי דאס שלאגט פאר דער קאנגרעסמאן דזשאנסאן.

די קאמיטע האט זיך ארויסגעזאגט צוגונסטען ענדערען די אימיגראנטען־קוואטא פון דריי אויף צוויי פראצענט.

פראנקרייך טרוימט נאך אלץ פון שטירצען סאוויעט־רוסלאנד

* * *

פראנקרייך זאל האבען אויסגעארבייט א פלאן פון לאזען איהרע וואסאלען אויף א מלחמה געגען רוסלאנד דעם קומענדען פריהלינג.

* * *

לאנדאן, פעברואר 28. — א קארעספאנדענט פון אמעריקאנער צייטונגען מעלדעט, אז פראנקרייך האט אויסגעארבייט א פלאן פון אטאקירען סאוויעט־רוסלאנד, דעם קומענדען פריהלינג, מיט'ן צוועק צו אויפשטעלען די מאנארכיע.

דער פלאן באשטעהט אין דעם, אז אלע קליינע מלוכות, וואס ווערען געשטיצט פון פראנקרייך, ווי פוילען, רומעניע, פינלאנד און די באלטישע שטאאטען, זאלען גלייכצייטיג אנפאנגען אן אפענסיווע געגען רוסלאנד.

לויט אן אפמאך מיט די רוסישע מאנארכיסטען וואלטען דאן גלייך אנערקענט געווארען די רוסישע חובות צו פראנקרייך און פואנקארע וואלט זיך דערמיט געקענט באנוצען אין די קומענדע וואהלען.

ווייטער ווערט דערצעהלט, אז אין די פראנצויזישע געווער פאבריקען ארבייט מען „אווערטיים" צו באזארגען פוילען מיט געווער.

די מעשה לייגט זיך גאנץ גוט אויפ'ן שכל. זאגט אבער דער קארעספאנדענט אז טראצקי, און אפשר ריקאוו אויך, שטיצען די רוסישע מאנארכיסטען און די מעשה קלינגט שוין גאר אנדערש.

פראצעס פון סיים־דעפוטאט גרינבוים געגען אנטיסעמיטישע צייטונגען הויבט זיך היינט אן

ווארשא, פעברואר 28, (איטא). — מארגען הויבט זיך אן דער לייבעל־פראצעס פון דעם סיים־דעפוטאט גרינבוים געגען די רעדאקטערע פון די אנטיסעמיטישע צייטונגען „דווא גראשא" און „גאזעטא ווארשאווסקי", וועלכע האבען באשולדיגט גרינבוים'ען אין אנפיהרען אן אנטי־פוילישע אגיטאציע, אין 1920 ווען ער איז געווען אין אויסלאנד. נאך א מעשה פון דריי יאהר פאנגט זיך ערשט איצט אן דער פראצעס.

אלס עדות זענען גערופען געווארען דער רב פערלמוטער, סער אלפרעד מאנד, סער סטיוארט סעמיועל, לעא מאצקין און טשארלס מאנטיפיאר פון דער „איקא".

סער סטיוארט סעמיועל האט צוגעשיקט אן אפידייוויט דורך דעם ענגלישען קאנסול.

געמבלער דערשאסען פון באנדיטען

דעטראיט, פעברואר 28. — טאמאס סטראטערס א גוט־באוואוסטער געמבלער איז דערשאסען געווארען אויף טויט פון צוויי באנדיטען, וואס האבען געמאכט אויף איהם א האלד אפ. זיי האבען געוואלט צונעהמען פון איהם זיין זייגער, וואס ער האט געהאלטען זעהר טייער אלס א מתנה, און דאן האט ער זיך געשטעלט געגען זיי.

עפענטליכער משפט געגען „יעווסעקציע" אין בערלין

בערלין, פעברואר 27, (איטא). — דעם ערשטען מערץ וועט דא פארקומען אן עפענטליכער משפט געגען דער „יעווסעקציע" (אידישע סעקציע פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי) לויט דעם מוסטער פון די משפטים וואס די „יעווסעקציע" ארגאנזירט אין רוסלאנד.

דער פארזיצענדער פון געריכט וועט זיין דר. טריוואוס, דער אנקלאגער — ה' פישער, א מיטגליד פון דער „התאחדות" וועלכער איז לעצטענס ארויסגעשיקט געווארען פון סאוויעט־רוסלאנד. אנדערע ארויסגעשיקטע וועלען זיין עדות. ה' שוכטמאן וועט זיין דער פארטיידיגער.

פארלאנגט.

א גוטען און ערפאהרענעם בוכהאלטער, מאן אדער פרוי, מוז קענען גוט אידיש און ענגליש און בכלל זיין געשעפטספעהיג. א שטענדיגער פלאץ צו א גוטען מענשען — נאכפרעגען אין „זשורנאל" אפיס, 251 קווין סטריט וועסט.

זעכציג טויזענד עמיגראנטען אין פוילען ווארטען אויף וויזעס

ווארשא, פעברואר 28, (איטא). — זעכציג טויזענט אידישע און פוילישע עמיגראנטען זענען רעגיסטרירט אין אמעריקאנישען קאנסולאט אלס אפליקאנטען פאר וויזעס. אזא צאהל עמיגראנטען פילט אויס די פוילישע קוואטא פאר צוויי יאהר, לויט דעם איצטיגען געזעץ. ווען דער דזשאנסאן־ביל זאל אנגענומען ווערען, וועט די צאהל עמיגראנטען זיין גענוג אויף אויסצופילען די קוואטא פאר פיער יאהר צייט.

סאוויעט זעט אין גיכען פארעפענטליכען דעקרעט וועגן קרים טעריטאריע

מאסקווע, פעברואר 28, (איטא). — די סאוויעט־רעגירונג האט שוין אויסגעארבייט דעם טעקסט פון א דעקרעט וועגען דער עטאבלירונג פון א אידישען אויטאנאמישען צענטער אין קרים און דער דעקרעט וועט אין גיכען פארעפענטליכט ווערען.

די „אידישע טעלעגראפען אגענטור" האט ערפאהרען, אז די אל־רוסלענדישע סאוויעט עקזעקוטיווע ארבייט איצט אויס די לעצטע פרטים פון דעם פלאן צו קאלאניזירען אידען אין קרים. דער אידישער אויטאנאמער צענטער אין קרים וועט עטאבלירט ווערען אויף די זעלבינע ליניען ווי די אנדערע אויטאנאמע צענטרען פאר נאציאנאלע מינאריטעטען אין די פעדערירטע סאוויעט־רעפובליקען.

אין אן אינטערוויו וואס אייער קארעספאנדענט האט געהאט מיט דר. ראזין, פארשטעהער פון „דזשאינט" האט דער לעצטער געזאגט, אז קאמענעוו, דירקאוו, טשיטשערין, טראצקי און אנדערע סאוויעט־פיהרער זענען צוגונסטען דעם קרימער קאלאניזאציאנס־פלאן.

קלאנג, אז ארבייטס מיניסטער מורדאק האט ארויסגעצויגען זיין דעפאזיט פון האום באנק ערב באנקראט

קאנסערוואטיווע קלייבען זיך צו מאכען א ביטערע אטאקע אויף מורדאק און מעקמורי. — אויב קלאנג איז ריכטיג וועט דער מיניסטער מוזען רעזיגנירען.

* * *

אטאווא, פעברואר 28. — דא האלט אין ענטוויקלען זיך א סקאנדאל וועגען דער האנדלונג פון געוויסע מיניסטארען אין באצוג דעם באנקראט פון דער האום באנק. אין די קאנסערוואטיווע קרייזען ווערט באהויפטעט, אז א געוויסער מיניסטער האט זיך באנוצט מיט דער אינפארמאציע וואס די רעגירונג האט געקראגען וועגען דעם ערווארטעטען באנקראט פון דער באנק און ער האט באצייטענס ארויסגענומען זיין דעפאזיט פון עטליכע טויזענט דאלאר. לויט די קלאנגען איז עס געווען דער ארבייטס־מיניסטער מורדאק וואס האט אזוי געהאנדעלט.

די קאנסערוואטיווע וועלען זוכען פארברענגען די פראגע אין פארלאמענט, ווי אויך די פראגע וועגען סאליסיטאר דזשענעראל מעקמורי, וועלכער איז פארבונדען מיט א פירמע, וואס האט געליען געלט פון דער האום באנק.

אויב דער קלאנג וועגען דעם ארבייטס־מיניסטער איז א ריכטיגער וועט ער מוזען רעזיגנירען. מיט אזא האנדלונג האט ער געבראכען זיין שבועה, אז ער וועט ניט אויסנוצען רעגירונגס־אינפארמאציע פאר פערזענליכע צוועקען.

מוטער הייסט דעם זון באגעהן זעלבסטמארד און ער פאלגט

פאריז, פעברואר 28. — אין שטעדטעל באסענס, לעבען באָרדא איז פארגעקומען א זעהר פאטעטישער פאל. עס איז אויסגעפונען געווארען, אז דער סעקרעטער פון מעיאר האט פארנומען קהל'שע געלטער און פאליציי איז געקומען איהם ארעסטירען. די מוטער האט פארשטעלט דעם וועג דער פאליציי און האט געפרעגט דעם זון צי די קלאגע איז אמת. ווען ער האט זיך מודה געווען האט זי איהם געהייסען דערשיסען זיך. ער האט געפאלגט.

מיטשעל פאלמער גערופען צו אונטערזוכונגס־קאמיטע פון דעם אויל־סקאנדאל

דער טרויעריג־בארימטער פאלמער זאל האבען געזוכט צו דערשטיקען דעם אויל־סקאנדאל. — דאהערטי וועט האבען געלעגענהייט צו פארטיידיגען זיך און וועט דאן רעזיגנירען.

וואשינגטאן, פעברואר 28. — מיטשעל פאלמער, דער אטורני־דזשענעראל אין ווילסאנ'ס קאבינעט, דער וועלכער האט זיך טרויעריג בארימט געמאכט מיט זיינע פארפאלגונגען געגען די ראדיקאלען, איז אויך פארמישט געווארען אין דעם גרויסען אויל־סקאנדאל. מען האט געפונען טעלעגראמען וואס ער האט געשיקט צו מעקלין, דער וואשינגטאנער צייטונגס־ארויסגעבער, אין וועלכע ער לאזט וויסען, אז ער וועט זוכען צו ווירקען אויף דעם סענאטאר וואלש אז מעקלין זאל ניט אויסגעפרעגט ווערען צו שטרענג וועגען די אויל און גרעפט געשיכטעס.

די סענאט אויל־קאמיטע האט היינט באשלאסען רופען פאלמער'ן צום פארהער.

וועגען דעם אטורני־דזשענעראל דאהערטי האלט די לאגע אזוי: ער וועט קריגען א געלעגענהייט צו פערטיידיגען פאר אן אונטערזוכונגס־קאמיטע און דאן וועט ער מוזען רעזיגנירען.

רעזיגנאציע פון אידישן מיניסטער אנגענומען

קאוונא, פעברואר 28, (איטא). — דער פרעזידענט פון דער ליטווישער רעפובליק האט אנגענומען די רעזיגנאציע פון דר. ראזענבוים, דער ביזהעריגער מיניסטער פאר אידישע אנגעלעגענהייטען.

סטראשען ענגלישע וועבער מיט א לאקאוט

מאנטשעסטער, פעברואר 27. — די באלעבאטים פון די וועבער־פאבריקען האבען אנגענומען א באשלוס צו ערקלעהרען א לאקאוט געגען די 150 טויזענט ארבייטער אין דעם טרייד, אויב זיי וועלען ניט צוריקרופען א סטרייק, וואס געהט איצט אן אין א קליינער פאבריק.

די באלעבאטים האבען געגעבען די ארבייטער א וואך צייט אויף נאכצוקומען זייער פאדערונג.

ביל אין ענגלישען פארלאמענט צו אפשאפען טויט־שטראף

לאנדאן, פעברואר 28. — א ביל איז היינט אריינגעבראכט געווארען אין פארלאמענט וואס שלאגט פאר די אפשאפונג פון טויט־שטראף, אויסער אין אזעלכע פעלע ווען דער אנגעקלאגטער איז שוין א פאראורטיילטער צו לעבענסלענגליכער תפיסה.

עס איז באוואוסט, אז פרעמיער מעקדאנאלד איז צוגונסטען דעם ביל.

ציוניסטען אין קאמף געגען אימיגראציע ביל

ניו יארק, פעברואר 28 (איטא). — די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט באשלאסען אויפצונעהמען א קאמף געגען דעם דזשאנסאן אימיגראציאנס־ביל. פראטעסט מיטינגען וועלען אפגעהאלטען ווערען אין ניו יארק, שיקאגא, קליוולאנד און אנדערע שטעדט. אין ניו יארק וועט דער פראטעסט מיטינג זיין דעם ניינטען מערץ אין קארנעגיע האל.

טוניס וויל ניט בלייבען פרעמיער פון בעלגיע

בריסעל, פעברואר 28. — קעניג אלבערט האט געבעטען דעם פרעמיער טוניס, וועלכער האט נעכטען רעזיגנירט, צו בלייבען אויף זיין פאסטען און פארמירען א נייע רעגירונג, אבער טוניס האט זיך אנטזאגט דערפון.

אל. סמיט איז א פרעזידענט־קאנדידאט

ספרינגפיעלד, איללינאי, פעב. 28. — גאווערנאר אל. סמיט פון ניו יארק, האט אריינגעגעבען א פעטיציע אין די איללינאי פריימעריס אלס פרעזידענט־קאנדידאט אויפ'ן דעמאקראטישען טיקעט.

באגעהט זעלבסטמארד ווייל זי קאן ניט ווערען אן אקטריסע אדער א שרייבערין

ניו יארק, פעברואר 28. — מיס וואלי בעלאסקא מארטין, א יונגע מיידעל, איז באגאנגען זעלבסטמארד. זי האט איבערגעלאזען א צעטעל, אז זי מאכט א סוף צו איהר לעבען, ווייל מען לאזט איהר ניט שפּילען אויף דער ביהנע און מען וויל ניט דרוקען איהרע ערצעהלונגען, וואס זי האט אנגעשריבען.

לייכטע ערד־ציטערניש אין ירושלים

ירושלים, פעברואר 28, (איטא). — פאריגע נאכט האט זיך אין ירושלים, טבריה און אנדערע ערטער געפיהלט א לייכטע ערד־ציטערניש. קיין שאדען איז ניט געמאכט געווארען.

חזן וולאדאווסקי דאווענט מיט'ן כאר

חזן ב. וולאדאווסקי, מיט זיין כאר, דאווענען מארגען פריה, שבת מברכים און פרשת שקלים, אין דער אנשי ענגלאנד שוהל, ספּעדינע עוועניו.

מרס. פיליפ סערע שאפירא ע"ה

אלע מעמבערס פון די בני יעקב סאסייטי און אלע שוועסטער פון די בנות יעקב עקזילערי זענען געבעטען קומען אפגעבען די לעצטע עהרע אונזער פארשטארבענער שוועסטער

מרס. פיליפ סערע שאפירא ע"ה

די לויה וועט זיין היינט צוועלף (12) אזייגער, שארפ פון 1298 סט. קלער עוועניו.